בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ואתחנן תשפ"א** | **שבת נחמו** | **גליון 610 [שנה י"ג]**

**עטליכע פשטים וואס איז די שייכות לֵאמֹור צו וָאֶתְחַנַּן?**

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר: (ג כג) דער ווארט לֵאמֹר איז משמע אז דאס גייט אויף וָאֶתְחַנַּן, איז שווער וואס מיינט אז משה האט געבעטן בָּעֵת הַהִוא צו זאגן לֵאמֹר? לפי רש"י איז פשט: דאס איז איינע פון דריי פלעצער וואס משה האט געזאגט דעם אויבערשטן איך לאז דיר נישט אפ ביז דו וועסט מיר מודיע זיין אויב דו וועסט מיר ענטפערן אדער נישט, (ספרי כו) לויט רש"י גייט נישט לֵאמֹר אויף וָאֶתְחַנַּן, נאר ער בעט עפעס פון אויבערשטן, און אגב וויל ער אז דער אויבערשטער זאל אים מודיע זיין, דאס איז שווער ווייל דער משמעות פון פסוק איז נישט אזוי? נאר מען קען זאגן א מהלך לויט וואס עס שטייט אין גמ' (ברכות דף נ"ה.) רבי יוחנן זאגט דריי זאכן טוט דער אויבערשטער אליין אויסרופן, און איינע פון זיי איז ווער זאל זיין א פרנס, א מנהיג, אזוי ווי עס שטייט (שמות לא ב) רְאֵה "קָרָאתִי" בְשֵׁם בְּצַלְאֵל, איך האב אליין אויסגערופן בְּצַלְאֵל צו זיין א מנהיג, ממילא איז הפלא: דא האט דער אויבערשטער צו גענומען די הנהגה פון משה און געזאגט אז ער וועט נישט אריינפירן די אידן קיין א"י, און יעצט האט משה שטארק געבעטן דעם אויבערשטן זאל מסכים זיין אז ער זאל קענען אריינגיין, וועט דאך דער אויבערשטער מוזן נאכאמאל אויסרופן אז משה זאל זיין א מנהיג, דאס מיינט וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא, איך האב שטארק געבעטן דעם אויבערשטן זאל מבטל מאכן די גזירה, און לֵאמֹר, און נאכאמאל זאגן אז איך קען זיין א פרנס און מנהיג. (שמן אפרסמון, הגאון ר' יעקב טננבוים אב"ד פוטנאק)

**נאך א מהלך**

ווייל לכאורה איז שווער פארוואס האט משה אזוי פיל געבעטן אויב ער האט געזען אז דער רצון ה' איז אז ער זאל נישט אריינגיין, איז דא די משנה (אבות פ"ב מ"ד) בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, מען דארף מבטל זיין דעם אייגענעם רצון פארן רצון פון השי"ת? נאר עס שטייט אין (יבמות סד א) דער טעם פארוואס די אמהות זענען געווען עקרות ווייל הקב"ה גלוסט די תפילות פון צדיקים, דעריבער האט משה מתפלל געווען ווייל דער אויבערשטער וויל הערן זיינע תפילות, און נישט געמיינט מבטל זיין דעם רצון הבורא, דאס מיינט וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא, מיין כוונה מיט תפילה איז נאר געווען לֵאמֹר, מיין מתפלל זיין איז געווען נאר צו געבן דעם אויבערשטן א נחת, אבער די מינוט וואס דער אויבערשטער האט געזאגט (כ"ו) רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה: האט משה שוין מער נישט מתפלל געווען. (טל חיים ליסקא)

**נאך א מהלך**

ווייל באמת דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער אויבערשטער נישט אנגענומען די תפילות בשעת דער אויבערשטער האט אלעמאל געענטפערט זיינע תפילות? נאר מען קען זאגן אז דער אויבערשטער האט געוואלט אז משה זאל אסאך מתפלל זיין און אים נישט ענטפערן כדי די תפילות פון כלל ישראל שפעטער זאלן געענטפערט ווערן אין דעם זכות, כאילו א בעל חוב באצאלט זיינע חובות, און דאס איז פשט משה האט געבעטן לֵאמֹר: לדורות, אויף די שפעטערדיגע דורות אז זייער תפילות זאלן אנגענומען ווערן. לויט דעם פשט איז הפלא וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי פארוואס האט דער אויבערשטער נישט געהערט מיינע תפילות? "לְמַעַנְכֶם" נאר וועגן אייך, לדורות, דעריבער וְלֹא שָׁמַע אֵלָי. (ישרש יעקב הרה"ק ר' יעקב יהודה חתן הרה"ק ר' מנדל מוואורקא)

**נאר דורך אויסלערנען די תורה פאר די קינדער וועט בלייבן די תורה**

רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב וגו' וְאֶת בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן: (ד ט-י) לכאורה די ווערטער וְאֶת בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן האט נישט קיין פלאץ דא, ווייל דער חיוב לערנען מיט די קינדער שטייט אין ק"ש וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם, און וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם? נאך איז שווער דער עיקר וואס משה רבינו ווארענט כלל ישראל הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אז מען זאל נישט פארגעסן די תורה, ווייל אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ מען האט אליין געזען אז דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה, ממילא וואס האט וְאֶת בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן מיט פארגעסן די תורה? נאר עס שטייט אין מדרש (שיר השירים א כד) ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די הייליגע תורה האט ער געפרעגט ווער וועט זיין ערב אז מען וועט אנהאלטן מיין תורה אין אלע דורות, און מען האט געזאגט, אברהם, יצחק, און יעקב, און דער אויבערשטער האט זיי געפסלט ביז זיי האבן געזאגט אונזערע קינדער וועלן זיין ערבים און דער אויבערשטער האט מסכים געווען פירט אויס דער מדרש דעריבער איז מען מחוייב צו מחנך זיין די קינדער מיט לימוד התורה און דאס וועט אויפהאלטן די וועלט ע"כ. וואס לכאורה איז שווער ווי אזוי וועלן די קינדער זיין ערבים, בפרט אז עס שטייט אין שו"ע (חו"מ סי' קל"ב) אז א קטן קען נישט זיין א ערב? נאר מען מוז זאגן אז דעם התחייבות וואס כלל ישראל האט צוגעזאגט אז אין אלע דורות וועט מען האבן מסירת נפש צו לערנען מיט די קינדער תורה, איז געווען גענוג א ערב פארן אויבערשטן צו געבן די תורה ווייל עס וועט זיין א קיום, ממילא איז הפלא וואס משה פירט אויס, וויבאלד דער אויבערשטער האט גענומען די לימוד מיט קינדער אלץ ערב ווייל דורכדעם וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן, דעריבער איז דער אויספיר וְאֶת בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן, אז נאר דורכדעם וועט מען אנהאלטן און גדענקען דעם יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב. (שו"ת מטעמי יצחק ליקוטי תורה הגאון ר' יצחק בורשטיין אב"ד אסטראלאנקא) ואולי קען מען מוסיף זיין אז אין פסוק שטייט קלאר הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וואס איז די עצה צו דעם? וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב, אויב מען וועט איבערגעבן די קינדער אז עס איז געווען א מתן תורה אויף הר סיני און דיינע קינדער וועלן דערציילן זייער קינדער אד"ג וועט מען קיינמאל נישט פארגעסן מעמד הר סיני, ווייל דער עיקר איז די מסורה. (שמח זבולון תשפ"א)

**מדור העובדות**

******דער שפאלער זיידע הרה"ק ר' ארי' ליב זצוק"ל ברענגט צוריק א מאן נאך 15 יאר זיין פארלוירן******

לעבן די שטאט שפאלע האט געוואוינט א פרוי וואס איר מאן איז אוועק געפארן אויף מסחר קיין דאנציג און זי איז נעבאך געבליבן א עגונה-[א פרוי וואס מען ווייסט נישט צו איר מאן לעבט צו נישט און זי טאר נישט חתונה האבן]. וויפיל זי האט זיך נאכגעפרעגט האט קיינער נישט געוואוסט צוזאגן וועגן איר מאן. זיי האבן

געהאט א געשעפט וואס האט זייער מצליח געווען און די עגונה האט דאס געפירט און זי איז געווארן זייער רייך. עס איז אריבער 15 יאר און זי האט גענומען א אידישע משרתת א חשובע עלטערע פרוי איר צו העלפן. די משרתת האט איר איין טאג געפרעגט וואו איז איר מאן? און ווען זי האט געענטפערט אז זי ווייסט נישט וואס איז געשען מיט איר מאן, זאגט צו איר די משרתת אז נישט ווייט פון דא וואוינט א גרויסער צדיק וואס מען רופט אים דער שפאלער זיידע און ער וועט איר זיכער העלפן! זאגט די עגונה וואס קען דער רבי מיר העלפן? אפילו ער וועט זאגן אויף זיכער אז מיין מאן לעבט נישט וועט זי נישט מעגן חתונה האבן, ווייל זי האט נישט קיין עדות און די עדות פון רבין וועט נישט זיין א היתר ביים בית דין. און אפילו ער וועט זאגן אז ער לעבט וואס וועט דאס העלפן צוריק ברענגען איר מאן? ענטפערט די משרתת: אויב דיין מאן לעבט וועט ער שוין צוריק ברענגען דיין מאן צו דיר! און זי האט מסכים געווען צו גיין.

זאגט איר די משרתת אז די בעסטע צייט צו באקומען א ברכה פון רבין איז פרייטיג אינדערפרי ווען ער גרייט אן די פיש. עס איז שווער אריינצוגיין דעמאלטס, אבער מיט געלט ועסטו קענען באקומען רשות פון זיין משמש, אבער דער רבי וועט דיר שטארק אנשרייען און וועלן ארויס ווארפן אבער זאלסט נישט זיין געפאלן און אלעם הערן וואס דער רבי שרייט אויף דיר און נאכדעם בעט אים א ברכה אז ער זאל דיר זאגן וואס איז מיט דיין מאן.

די עגונה איז געפארן קיין שפאלע און זי איז געגאנגען צום הויז פון משמש און געזאגט אז זי וויל איינשטיין ביי אים און זי וועט אים שיין באצאלן פאר דעם, און ער האט איר געגעבן א צימער. ווען עס איז געקומען ערב שבת האט די עגונה געגעבן א שיינע מטבע פארן משמש ער זאל איר אריינלאזן ווען דער רבי גרייט אן די פיש. ער האט איר אריין געלאזט און זי האט אנגעפאנגען צו וויינען פארן רבין ער זאל איר העלפן. דער רבי הויבט אן צו שרייען זי זאל ארויס גיין און רעגט זיך, אבער זי לאזט זיך נישט און בעט ווייטער. דער רבי האט כדרכו בקודש איר שוין געוואונטשן און געזאגט אז דיין מאן לעבט און אין דריי חדשים וועט דיין מאן צוריקומען צו דיר. זי האט געמיינט אז דער רבי שטופט איר סתם אפ און זי וויינט ווייטער. דער רבי האט באקומען א רחמנות אויף איר און זאגט איר "איך זאג דיר צו אז אין דריי חדשים מיטוואך נאך האלבע נאכט וועט דיין מאן אנקומען ביי דיר אין שטוב. און יענע נאכט זאלסטו זיכער מאכן אז דיין שטוב איז זייער ליכטיג פון אינעווייניג און אינדרויסן" און האט באפוילן פאר די גבאים איר ארויס צו שיקן בכח. זי האט נישט געהאט קיין ברירה און זי איז ארויס געגאנגען.

זי האט נישט געוואוסט אויב צו גלויבן וואס דער רבי האט איר געזאגט. אבער ווען זי איז אהיים געקומען און די משרתת האט איר געפרעגט וואס איז געווען ביים רבין? און זי האט אלעם דערציילט! האט די משרתת געזאגט מיט פרייד דו ביסט שוין א געהאלפענע! דער רבי וועט שוין זען אז דיין מאן וועט יענע נאכט אהיים קומען. און זי איז געווארן בארוהיגט. די משרתת האט שוין געווארט אויף יענעם נאכט און זי האט דערמאנט איר בעלת הבית, די עגונה, אז היינט ביינאכט דארף מען מאכן די שטוב ליכטיג פון אלע זייטן און דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן אז דיין מאן וועט אנקומען. די משרתת האט געהאט א געוואלדיגע אמונה אין צדיק און האט אנגעגרייט א שיינע סעודה לכבוד דעם מאן'ס קומען, אבער די עגונה האט נישט אזוי געגלויבט און זי איז געגאנגען שלאפן.

יענע נאכט איז געווען שטארקע רעגן-שטורעם'ס מיט בליצן און דונערן און אזוי נאך האלבע נאכט שטעלט זיך אפ א רייכע וואגן געשפאנט פון 6 פערד און דער בעל עגלה קומט ארויס פון וואגן און קלאפט אויפן טיר און פרעגט די משרתת ווער וואוינט דא? און זי האט געענטפערט א פרוי וואס הייסט אזוי. דער בעל עגלה איז ארויסגעגאנגען צום וואגן און פון וואגן קומט ארויס א בכבודיגער סוחר און קלאפט אויפן טיר. און ווען די משרתת עפנט די טיר און דער סוחר קוקט אריין אין שטוב זאגט ער צו די משרתת "ב"ה דער אויבערשטער האט געפירט אין די ריכטיגע וועג ווייל דאס איז טאקע די הויז." און ער פרעגט וואו איז מיין פרוי? האט זי האט געענטפערט זי שלאפט, האט ער געבעטן די משרתת זאל אויפוועקן זיין פרוי. און אין א פאר מינוט ארום איז די פרוי געקומען. זי זעהט די הייליגע רייד פון רבין איז מקויים געווארן און די שמחה פוןביידן זענען געווען גאר גרויס. די משרתת האט געזאגט אז זי האט אנגעגרייט א שיינע סעודה פאר זיי און בעט זיי זאלן זיך וואשן לכבוד די סעודה, און זיי האבן זיך געזעצט צו די סעודה. ביים סעודה האט זיך דער מאן אנטשולדיגט פארוואס ער האט זיך אזוי לאנג פארזאמט און דערציילט "ווען ער איז געפארן קיין דאנציג האט ער געמאכט גרויסע געשעפטן און ער איז געווען אזוי פארנומען מיט דעם, און עס האט זיך פארשלעפט די צייט און אזוי איז אריבער א יאר און נאך יאר און דערווייל האט זיך פון די געשעפטן אנגעזאמלט זייער אסאך חובות וואס מענטשן זענען געבליבן שולדיג און ער איז געווען כסדר פארנומען איינמאנען זיינע חובות און האט פארגעסן בכלל אז ער האט א שטוב.

פאר דריי חדשים צוריק קומט צו מיר א אלטער איד און זאגט מיר ענדיג שוין דיינע געשעפטן דא און פאר אהיים ווייל דיין ווייב ווארט שוין אויף דיר 15 יאר. איך האב זיך נישט וויסנדיג געמאכט אבער אזוי איז דער איד געקומען צו מיר יעדן טאג און דער לעצטער מאל האט ער מיר געזאגט: "טאמער איך גיי נישט, שפיל איך מיט מיין לעבן"! איך האב נאך אלץ זיך נישט וויסנדיג געמאכט ווייל איך האב נאך געהאט די אלע חובות ביי מענטשן, און איך האב נישט געגלויבט דעם אלטן איד. אבער פונקט אין יענעם טאג בין איך געווארן קראנק האב איך שוין מקבל געווען אז איך וועל פאלגן דעם אלטן איד. און יענע טאג ווען דעם אלטער איד איז געקומען צו מיר, האב איך אים צו געזאגט אז איך פאר שוין. זאגט ער מיר זאלסט זעען אז ביז דעם מיטוואך מוזטו זיין ביי דיר אין שטוב. און היינט מיטוואך בין איך געפארן אין די גרויסע רעגנס און מיר זענען אנגעקומען נאנט פון צו דא האב איך געוואלט גיין נעכטיגן ביז די רעגנס וועלן זיך אויפהערן, און פלוצלונג קומט צו מיר ווייטער דער אלטער איד אין גאסט הויז און סטראשעט מיר ווייטער אז ביז האלבע נאכט מוזטו זיין ביי איר אין שטוב!

בין איך גלייך געפארן האב איך געטראכט: אין אזא פינסטערנישט ווי וועל איך טרעפן מיין שטוב? און אזוי פארנדיג האב איך געזען א ליכטיגע שטוב האב איך געשיקט מיין בעל עגלה און ב"ה דאס איז געווען די ריכטיגע הויז". די משרתת האט געפרעגט דעם מאן ווי אזוי האט אויסגעזען דער אלטער איד? און ווען ער האט אים אויס געמשלט. האט די משרתת געזאגט: אז דאס איז דער שפאלער זיידע און ער האט אויך געהייסן מאכן די שטוב ליכטיג אין אלע זייטן! די שמחה איז געווען גרויס און ער האט איר איבערגעבעטן פארן צער. אויפצומארגנ'ס זענען זיי ביידע געפארן צום שפאלער זיידע און האבן אים געגעבן א שיינע מטבע פאר די ישועה און האבן געגעבן א שבח והודאה פאר רבש"ע. דער שפאלע זיידע האט זיך אריינגעלייגט אין די לייגג און ברייט צוזאמען שטעלן א שטוב. זיע"א


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עם איז א שיינע מתנה***

טשעק של האדמו"ר מסקולען ר' ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקים חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ"א, מכתב הגה"ק ר' משה אריה פריינד עם הגה"צ ר' רפאל סאלאווייטשיק $900, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, אות חיים ושלום מונקאטש עם הגהות הגאון ר' פינחס כ"ץ $800, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, לקוטי מהרי"א שמות ודברים $1500, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר חסידים באזיל שמ"א, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא,, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500

**Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**מזל טוב לנכדי החתן יצחק יעקב נ"י בן בני היקר ר' יוסף הלוי קליטניק נ"י לרגל החתונה תתקיים בשטו"מ ביום י"ג אב הבעל"ט באולם עטרת חי' שרה**

**106 S Madison Ave, Spring Valley, NY 10977**

**הזמנה אישית לכל הקוראים היקרים**